# דאָס „ייִדישיסטישע" בוך פֿון חתם־סופֿרס תּלמיד ר׳ עקיבֿה־יהוסף שלעזינגער

**צום צענטן יאָרצײַט פֿון מײַן באַליבטן לערער**
**ד״ר שלמה נאָבל ז״ל (1905 – 1986)**

• הירשע־דוד קאַץ/וויילס

1

שלמה נאָבל האָט דער ערשטער אין דער נײַער ייִדישער פֿילאָלאָגיע (און שפּראַך־סאָציאָלאָגיע) אַרײַנגעפֿירט דעם טערמין „שינוי ניכּר" (‚אַ קענטלעכער איבערבײַט' [לגבי דעם מקור שפּראַך]), אויף צו שילדערן דעם אופֿן, ווי אַזוי דער חתם־סופֿר האָט תּופֿס געווען דעם אויפֿקום פֿון ייִדיש. אין זײַן בוך חומש־טײַטש, האָט ש. נאָבל קאָנסטאַטירט אַז „דער סימבאָלישער אויסדרוק פֿון דעם דיפֿערענצירן אין די מדרגות פֿון קדושה איז דער באַגריף פֿון מאַכן אַ שינוי ניכּר וועלכער שפּילט אַ גרויסע ראָלע אין אַ סך דינים און מנהגים" (נאָבל 1943: 17). מיט זײַן כאַראַקטעריס־טישער עניוות האָט נאָבל מגלה געווען זײַן אַנטדעקונג אין אַ הערה אונטערן טעקסט:

אויף דעם פּרינציפּ פֿון שינוי ניכּר וויל אַפֿילו דער חתם־סופֿר באַזירן דעם אויפֿקום פֿון דער ייִדישער שפּראַך. אונדזערע אָבֿות אבֿותינו האָבן בכּיוון אַרײַנגעבראַכט אַ שינוי אין זייער שפּראַך כּדי ניט עובֿר צו זײַן אויף דעם איסור פֿון „ובחוקותיהם לא תלכו", וואָס איז אויך חל אויף דער שפּראַך, „. . . בכונה שבשו הלשונות מפני גזירת י״ח דבר שבירושלמי . . . ואין להאריך בזה בעו״ה". חתם־סופֿר, אבן העזר, חלק ב׳, סימן י״א, ווין, 1880.

(נאָבל 1943: 17, הערה 13)

2

„דער חתם־סופֿר" איז דער טראַדיציאָנעלער „רבנים־נאָמען" פֿון ר׳ משה סופֿר (אָדער: ר׳ משה שרײַבער), וועלכער איז געבאָרן געוואָרן אין פֿראַנקפֿורט ד׳מיין אין 1762. זײַן לעבנס־וועג האָט אים באַשערט אַ וואַנדערונג פֿון מערבֿ־אשכּנז ביז צו די מערבֿדיקע שטחים פֿון מזרח־אשכּנז. נאָכן זײַן רבֿ אין דרעזניץ (מערן) און מאַטערסדאָרף, האָט מען אים אין 1806 געשטעלט פֿאַר שטאָט־רבֿ אין פּרעשבורג (אונגאַרן), וווּ ער האָט אויסגעלעבט זײַנע יאָרן (ער איז דאָרטן געשטאָרבן אין 1839). די ישיבֿה וואָס ר׳ משה סופֿר האָט דאָרטן מיסד געווען איז באַלד געוואָרן אַן עיקרדיקע פֿעסטונג פֿונעם קאַמף פֿון טראַדיציאָנעלן אָרטאָדאָקסישן ייִדנטום, ניט נאָר קעגן די רעפֿאָרמער און משׂכּילים למיניהם, נאָר אויך קעגן דער מאָדער־ניזירנדיקער „נעאָ־אָרטאָדאָקסיע", די באַוועגונג וועלכע האָט פֿאַראייניקט דאָס בלײַבן אַ שומר מצוות מיט אַלערלייִקע פּשרות מיט דער מאָדערנער געזעלשאַפֿט. די גרויסע צאָל כּתבֿים וואָס ר׳ משה סופֿר האָט איבערגעלאָזן זײַנען אַרויס נאָך זײַן טויט, צווישן זיי די זיבן בענד שאלות־ותּשובֿות א. נ. „חתם־סופֿר". ס׳איז דאָך אַ דור־דורותדיקע טראַדיציע אָנרופֿן אַ רבֿ אַ גדול בישׂראל, אויב ניט לויטן אַקראָנים, איז לויטן באַליבטסטן ספֿר זײַנעם (למשל: „דער תּרומת הדשן", וואָס איז געוואָרן דער טראַדיציאָנעלער נאָמען אויף איסרלין אין פֿופֿצנטן יאָרהונדערט, צי „דער חפֿץ־חיים" אויף ישׂראל מאיר הכּהן אין צוואַנציקסטן).

ר׳ משה סופֿר האָט געמאַכט יד־אחת מיט די חסידים אינעם קאַמף קעגן די אַלע באַוועגונגען וואָס האָבן געהאַלטן פֿון מאָדערניזאַציע. די מחי־

---

בײַם צוגרייטן די איצטיקע אַרבעט האָב איך שטאַרק גענאָסן פֿון דער ברייטהאַרציקער הילף פֿון ריטשאַרד דזשאָד, שמואל היילע און דובֿ־בער קערלער. זיי אַלעמען — אַ האַרציקן דאַנק. פֿאַרשטייט זיך אַז די פֿולע אחריות טראָגט דער מחבר אַליין.

• • •

דער מחבר וויל אויסדריקן זײַן טיפֿע דאַנקבאַרקייט דעם קרן אַבֿרהם י. לערנער פֿאַר דער סובווענץ וואָס האָט דערמעגלעכט אַז די איצטיקע אַרבעט זאָל געשריבן ווערן.

צה צווישן טראַדיציאָנאַליסטישע און מאָדערניסטישע אָרטאָדאָקסן האָט זיך היסטאָריש אַרויסגעוויזן פֿאַר אַ דויערהאַפֿטיקע; זי גילט ביזן הײַנטיקן טאָג אין תּחום פֿון רעליגיעזן ייִדנטום. דעם חתם־סופֿרס גײַסטיקע יורשים רופֿט מען בײַ הײַנטיקן טאָג „חרדים" (ווו דער חסידישער קאָמפּאָנענט איז אַ ווײַט־איבערוועגנדיקער). בשעת מעשׂה לעבן זיך אויס די נעאָ־אָרטאָדאָקסן לויט דער זעלביקער פּרינציפּיעלער אײַנשטעלונג וואָס בײַ זייערע אידעאָלאָגישע פֿאָרגייער אין דײַטשלאַנד אין נײַנצנטן יאָרהונדערט — אָפּהיטן די מצוות אָבער אָננעמען די מערבֿדיקע קולטור (קליידונג, פֿריזור, אַרבעטס־מעגלעכקייטן און — שפּראַך). אַנדערש געזאָגט געוואָרן, גייט עס אין אַ פּרינציפּיעלן ווידעראַנאַנד צווישן ייִדישקייט ווי אַ ציוויליזאַציע ממש און ייִדישקייט ווי אַ רעליגיע גופֿא. בײַ הײַנטיקע פֿרומע ייִדן, לאָזט זיך דער צווישנשייד אָפּטמאָל סימבאָליזירן דורך דער אָפּאָזיציע צווישן אַ „יאַרמלקע": אַ גרויסע, בדרך־כּלל אַ שוואַרצע, בײַ די חרדים; און אַ „כּיפּה" (אַרויסגערעדט קיפּאַ): אַ קליינע, קאָלירטע, געשטריקטע, וואָס איר גרייס קלעקט גאָרניט זיך פֿעסטצוהאַלטן אויפֿן קאָפּ, און מוז דעריבער צוגעפֿעסטיקט ווערן מיט אַ האָרשפּילקע). צו דעם חתם־סופֿרס ביאָגראַפֿיע זע (צוו.אַ.): בערידטשעווסקי (1887: 55־61); כּ"ץ (1967).

אין דער היסטאָרישער סאָציאָלאָגיע פֿון ייִדיש בלײַבט עס אַן איראָניע וואָס גראַדע אַ דײַטש־געבאָרענער רב איז געוואָרן דער אידעאָלאָגישער גרונטפֿעסטיקער פֿון ייִדיש אין דער פֿרומער מזרח־אייראָפּעיִשער וועלט. ס'איז אַפֿילו אַנאַלאָגיש צום קלאַסישן קוריאָז אין דער געשיכטע פֿון וועלטלעכן ייִדישיזם, דהיינו: די טשערנאָוויצער קאָנפֿערענץ פֿון 1908 האָט צונויפֿגערופֿן דער ווין־געבאָרענער, דײַטש־ריידנדיקער נתן בירנבוים (1864—1937).

3

אויפֿן סמך פֿונעם קורצן אויסצוג פֿון חתם־סופֿרס תּשובה, וואָס נאָבל האָט אַראָפּגעבראַכט, האָט מאַקס ווײַנרײַך אַרויסגעדרונגען אַז:

„ס'איז געווען בײַ ייִדן אין מערבֿ און צענטראַל אייראָפּע אַ צד וואָס איז געווען אומצופֿרידן מיט מענדעלסאָנס דרך אין ייִדישקייט, און דער עיקר מיטן דרך פֿון זײַנע תּלמידים און תּלמידי תּלמידים. נאָך דער ערשטער צעטומלעניש האָט אָט דער צד זיך גענומען אָרגאַניזירן, אָבער ייִדיש האָט אין דער פּראָגראַם פֿון דער נײַער אָרטאָדאָקסיע קיין אָרט ניט פֿאַרנומען. בלויז פֿונעם גערימטן חתם־סופֿר (1762־1839) איז פֿאַראַן אַן אַרויסזאָגונג לטובֿת ייִדיש אין טערמינען פֿון זײַן באַגריפֿיקער וועלט: אונדזערע אָבֿות האָבן בכּיוון געביטן דאָס דײַטש אין מויל פֿון די ניט־ייִדישע שכנים כּדי צו שאַפֿן אַ קענטיקן אונטערשייד צווישן ייִדן און דער ניט־ייִדישער וועלט. דער אויסלאָז פֿון אָט דעם זאַץ בײַם חתם־סופֿר: „און מען קען וועגן דעם בעוונותינו הרבים ניט מאריך זײַן" מאַכט טראַכטן, אַז דער דאָזיקער געדאַנק האָט בײַ אים פֿאַרנומען אַ סך אַ גרעסערן אָרט איידער עס קען זיך דוכטן פֿון דער פֿאַרבײַגייענדיקער באַמערקונג. עס האָט געמוזט שטעקן אַן אידעאָלאָגישער מאָטיוו אין דעם וואָס דעם חתם־סופֿרס פּרעשבאָרגער ישיבֿה האָט ביזן לעצטן חורבן געפֿירט דאָס גאַנצע לערנען אויף ייִדיש.

(ווײַנרײַך 1973, I: 287־288)

פֿאַרוואָס, מ'האָט ביזן חורבן דאָס גאַנצע לערנען געפֿירט אויף ייִדיש אין די טראַדיציאָנעלע ישיבֿות איבער גאַנץ מזרח־אייראָפּע (כאָטש עס איז אפֿשר אַ ביסעלע מער „בייזוווּנדער" אין אַזעלכע סבֿיבֿות ווי די אונגאַרישע, ווו די שפּראַכיקע אַסימילאַציע בײַ טייל ייִדן איז געווען אַ שטאַרקע). ווײַנרײַך האָט אָבער זיכער רעכט, אַז דער ספּעציעלער ברען אויפֿצוהאַלטן ייִדיש ווי אַ טאָגטעגלעכע שפּראַך בײַ חרדים פֿון אונגאַרישן אָפּשטאַם וואַקסט פֿון אַ ספּעציפֿישער טראַדיציע, און דער חתם־סופֿר איז די עיקרדיקע פֿיגור אין דער אויספֿורעמונג פֿון אָט דער טראַדיציע. ווײַנרײַך ברענגט אַ ריי מראה־מקומות פֿון דער

צײַטשריפֿט Ben-Chananja פֿון 1865 און 1866 װעגן די מחלוקתן צװישן רבנים איבער דער שפּראַך־פֿראַגע (װײַנרײַך *1973*, III: *306־307*). דאָ װעלן מיר זיך אומקערן צום חתם־סופֿר.

דעם ציטאַט, װאָס נאָבל האָט אַראָפּגעבראַכט אויף צו אילוסטרירן דעם באַגריף „שינוי ניכּר", און װאָס װײַנרײַך האָט אין אַ ברייטערער ראַם פֿאַנאַנדערגעװיקלט, טרעפֿט מען אין אַ תּשובֿה װוּ עס גייט די רייד װעגן דעם, װי אַזוי מ׳דאַרף שרײַבן אין אַ גט דעם נאָמען פֿון דער שטאָט בודאַפּעסט. מיר ברענגען דאָ דעם גאַנצן פּאַראַגראַף װוּ ס׳טרעפֿט זיך דער ציטאַט, אין איינעם מיט אַ פֿאַרגעלייגטער איבערזעצונג. די צוגאָבן אין קאַנטיקע קלאַמערן [ ] זײַנען אונדזערע.

שוב תמהתי על חכמים שכמותם היות שבהרשאה נכתב פעסט דמתקריא פעשט ולא היזכר [הוזכר] שם לאטי״ן פעסטה וכמ״ש בס׳ טיב גיטין יע״ש א״כ מה הי׳ למעלתם לחתום בקיום באנפנא חתמו וכו׳ בק״ק פעסטה ויאמרו עיר אחרת היא ושם חתמו בפני הב״ד ולעיל כתי׳ שחתמו עצמם בפעסט וכל עצמי אינני מכיר מה לכם לחתום עצמכם אפי׳ בשטרי הדיוטות או בהכשרים בשם לטין אשר לא שערו אבותינו ורבני׳ קדמוני׳ שלפני פר״מ [פֿאַר רום מעלתם] ולדעתי גם הקדמוני׳ הי׳ בקיאי׳ ללועזי׳ בלע״ז אך בכוונה שבשו הלשונות מפני גזירת י״ח דבר שבירושלמי פ״ק דשבת דפוס וויען דף ו״ו ע״א ועל לשונם יע״ש ואין להאריך בזה בעו״ה:

(סופֿר 1859: תּשובֿה י״א, דף ו׳ עמוד ב׳)

„איך האָב זיך אויך פֿאַרחידושט אויף אַזעלכע חכמים, נעמענדיק אין באַטראַכט אַז אין דער הרשאה [אין גט גופֿא] שטייט געשריבן „פּעסט [אָפֿיציעלער נאָמען] װאָס רופֿט זיך פּעשט [אין טאָגטעגלעכן לשון]", און דעם לאַטײַנישן נאָמען פּעסטה דערמאָנט מען בכלל ניט, אַזוי װי ס׳שטייט געשריבן אינעם ספֿר טיב גיטין, טו דאָרטן אַ קוק. אויב אַזוי, טאָ צו װאָס זאָלט איר, מײַנע געהויבענע [רבנים], חתמענען אינעם קיום בײַם סוף גט [ד.ה. דאָס אָרט אויף די חתימות פֿון די עדות, די עדות זײַנען דאָך „מקיים" (באַשטעטיקן) אַז דער גט איז עכט]: „אונטערגעחתמעט א.אַ.װ. אין דער הייליקער קהילה פּעשטה"? מ׳קען דאָך מיינען אַז דאָס איז אַן אַנדער שטאָט און אַז דאָרטן האָט מען עס געחתמעט פֿאַרן בית־דין, בשעת װען אויבן שטייט גאָר אַז זיי אַליין האָבן זיך אונטערגעחתמעט אין פּעסט.

און איך אַליין פֿאַרשטיי אין גאַנצן ניט, צו װאָס דאַרפֿט איר זיך חתמענען מיט אַ לאַטײַנישן נאָמען, אַפֿילו אין אַ ציװילן קאָנטראַקט [װי אַ גט], אָדער אויף אַ הכשר, װאָס דאָס איז גאָרניט אײַנגעפֿאַלן אונדזערע אָבֿות אָבֿותינו, און פֿריערדיקע רבנים, פֿאַר אײַערע געהויבנקייטן? לויט מײַן מיינונג האָבן אויך די אַמאָליקע געקענט גוט ריידן צו ניט־ייִדן אויף דער ניט־ייִדישער שפּראַך, נאָר װאָס, מ׳האָט בכּוונה איבערגעאַנדערשט [אָדער: פֿאַרדרייט] די לשונות צוליב דער גזירה פֿון די „אַכצן זאַכן" [פֿון די תּלמידים פֿון שמאַי, דער עיקר אויף ניט צו דערנעענטערן זיך צו די אַרומיקע פֿעלקער], װאָס אינעם תּלמוד ירושלמי, אין ערשטן פּרק פֿון [דער מסכתא] שבת, אין װינער דרוק דף ו׳, עמוד א׳, װוּ ס׳שטייט: „ועל לשונם" [און אויף זייער שפּראַך], איז טוט דאָרטן אַ קוק, און װעגן דעם איז בעסער ניט מאריך זײַן, בעוונותינו הרבים.

דער חתם־סופֿר האָט געהאַלטן, אַז די טראַדיציאָנעלע אָרטאָדאָקסיע דאַרף זיך האַלטן אין די סאַמע בעסטע באַציונגען מיטן ניט־ייִדישן אַרום. אפֿשר דערפֿאַר באַנוצט ער זיך מיט די נייטראַל־פּאַרװענע באַגריפֿן „לאַטין" ('לאַטײַן') און „לועזית" ('לעזיש', 'ניט־ייִדיש', 'גוייִש') אַנשטאָט „גלחות", „לשון הגוים" וכדומה, װאָס קענען האָבן אַ פּעיאָראַטיװן באַדײַט. דאָס קען אויך האָבן אַ שייכות צום „בעוונותינו הרבים", װאָס קומט אפֿשר זאָגן, אַז מ׳טאָר ניט נאָכמאַכן די גוייִם, נאָר לאָמיר ניט אַרײַנלאָזן זיך אין קיין פּרטים, װײַל זיי קענען דאָס אויסטײַטשן שלעכט טאָמער װעט מען זיי די שאלת־תּשובֿה אונטערטראָגן. אַנדערש קען מען טײַטשן דעם „בעוונותינו הרבים" װי אַן אויסדרוק

פֿונעם חתם־סופֿרס עגמת־נפֿש איבער דעם וואָס מ׳האָט אין זײַן דור גענומען שטאַרק נאָכמאַכן דעם ניט־ייִדישן אַרום (וועגן די „אַכצן זאַכן" פֿגל. הײלע 1991: 172; כּתבֿ־יד: 19, הערה 21).

אין די תּשובֿות פֿון חתם־סופֿר קומט אַ סך מאָל צום אויסדרוק זײַן קעגנערשאַפֿט צום בײַטן ייִדישע פּרט־נעמען און אָרט־נעמען. אַז מ׳האָט למשל בײַ אים געפֿרעגט וועגן דעם, אַלמאַי מ׳האָט פֿון קדמונים געשריבן אַ שטאָט־נאָמען ליסקא און איצט נעמען רבנים און שרײַבן אליסקא, האָט ער דעם שואל־את־השאלה קורץ און שאַרף שיִער ניט „אָפּגעווישט":

אהו׳ ידידי החדש אסור מן התורה בכל מקום אל יחדש דבר ויניח כמו שיסדו הראשונים [. . .]

(סופֿר 1895: תּשובֿה כ"ט, דף י"ב עמוד א׳)

מײַן ליבער פֿרײַנד! נײַיִקייט איז פֿאַרווערט פֿון דער תּורה! אומעטום זאָל מען גאָר ניט מחדש זײַן, זאָל מען עס לאָזן אַזוי ווי עס האָבן אויפֿגעשטעלט די ראשונים [. . .]

דער חתם־סופֿר האָט פֿאַרשטייט זיך ווילגעוווּסט, אַז ניט אַלע פּרטים פֿון טראַדיציאָנעלן אשכּנזישן לעבנס־שטייגער אין זײַן דור זײַנען געווען אומגעביטענע פּירונגען פֿון די ששת ימי בראשית. וואָס יאָ: ער האָט געהאַלטן אַז די אשכּנזישע ציוויליזאַציע איז די עכט־ייִדישע, בשעת ווען די אַלע דעמאָלטיקע שטרעבונגען אויף שינויים און מאָדערניזאַציעס קענען דערפֿירן נאָר צו אַ צוזאַמענפֿאַל פֿון ייִדישן לעבן. צווישן זיי דאַרף מען צורעכענען די בערלינער השׂכּלה, רעפֿאָרם־רעליגיע, נעאָ־אָרטאָדאָקסיע, מזרח־אייראָפּעיִשע השׂכּלה.

דער ענין, ווי אַזוי מ׳זאָל אָנרופֿן שטעט און שטעטלעך (אויפֿן ייִדישן צי אויפֿן ניט־ייִדישן שטייגער) גייט אַרײַן, פֿאַרשטייט זיך, אין דער ברייטערער פֿראַגע פֿון שפּראַך. און דער ענין שפּראַך איז זייער שטאַרק אָנגעגאַנגען דעם חתם־סופֿר.

אין אַ תּשובֿה וועגן דעם, ווען מ׳מעג שטעלן פֿאַר אַ רבֿ, באַוואָרנט ער:

[. . .] יהי׳ מחכמי קהלתכם או מזולת רק שיקרא בשם רב מורה דרכי ה׳ לעם ה׳ ושלא יהי ח"ו מכותבי פלסתר ומקוראי׳ בספרי חיצונים ומהלועזים בלעז כי אסור לקבל תורה מפיהו וכמעמיד אשרה בהיכל ה׳ [. . .]

(סופֿר 1862: תּשובֿה קצ"ז, דף ע"ד עמוד ב׳)

„זאָל ער זײַן פֿון די חכמים פֿון אײַער קהילה אָדער פֿון אַנדערשוווּ, נאָר זאָל מען אים רופֿן מיטן נאָמען: רבֿ, אַ וועגווײַזער אין די וועגן פֿון גאָט פֿאַרן פֿאָלק פֿון גאָט, און ער זאָל ניט זײַן חס ושלום פֿון די וואָס שרײַבן פּאַשקווילן, און פֿון די וואָס לייענען אין דרויסנדיקע ביכער און פֿון די וואָס ריידן אויף דער ניט־ייִדישער שפּראַך, ווײַל פֿון יענעמס מויל טאָר מען קיין תּורה ניט לערנען, און ס׳איז אַזוי ווי מ׳וואָלט געשטעלט אין בית־המקדש אַן אשרה־געץ [. . .]

אינטערעסאַנט איז דאָ די קאָנסטרוקציע „לועזים בלעז", ווו דער ווערב „לועזים" מיינט בעצם: „ריידן גוייִש" (סוף־כּל־סוף ציט די קאָנסטרוקציע איר יניקה פֿון „בצאת ישׂראל ממצרים בית יעקבֿ מעם לועז" — תּהלים קי"ד: א׳). לועזים בלעז קען מען אַפֿילו קאַטאָווערסדיק איבערזעצן: „וואָס גוייִשן אויף גוייִש".

פֿון שטאַנדפּונקט פֿון ייִדיש, און פֿון דער ייִדישער שפּראַך־סאָציאָלאָגיע און קולטור־געשיכטע, וואַרטן דעם חתם־סופֿר כּתבֿים עד־היום אויף זייער גואל. דער פֿאָרשער וואָס וועט די שייכות־דיקע „אינדזעלעך" צונויפֿזאַמלען און אַרויסגעבן כּדבעי, וועט בײַטראָגן אַן עולם־ומלואו ניט נאָר צו „אונדזערע ענינים", נאָר בכלל צו דעם באַגריף „ציוויליזאַציע" ווי אַ סיסטעם וואָס היט אויף אויך די „קליינע" זאַכן אין אַ טראַדיציאָנעלן לעבנס־שטייגער מיט דער זעלביקער אײַנגעשפּאַרטקייט און ליבשאַפֿט, מיט וועלכע מ׳פּאַסט אויף אויף די „גרויסע" זאַכן.

## 4

וואָס שײַך ייִדיש, איז דעם חתם־סופֿרס באַדײַטנדיקסטער תּלמיד אָן קיין שום ספֿק געווען

ר' עקיבה־יהוסף שלעזינגער (1837־1922), ניט קוקנדיק וואָס ער איז געווען אַ צוויי יאָר אַלט ווען דער חתם־סופֿר איז געשטאָרבן. דער באַגריף „תּלמיד" אינעם רבנישן זין איז לאַו דווקא טײַטש „פּערזענלעכער תּלמיד": מ'קען אויך זײַן אַ תּלמיד לויט די ספֿרים און מיטן לערנען זיך בײַ די פּערזענלעכע תּלמידים פֿונעם גדול („תּלמידי תּלמידים"). עקיבה־יהוסף שלעזינגער איז דערצו געבאָרן און דערצויגן געוואָרן אין פּרעשבורג אין אַ סבֿיבֿה וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן און איז געבליבן דורכגעזאַפּט מיטן גײַסט און מיט דער שיטה פֿונעם חתם־סופֿר.

ר' עקיבה־יהוסף שלעזינגער איז אין 1870 אַוועק אין ארץ־ישׂראל, ווו ער האָט בלבֿ־ונפֿש געאַרבעט לטובֿת אַ ישובֿ פֿון אמת פֿרומע ייִדן לויטן חתם־סופֿרס השגות. דערמיט האָט ער געהאַלטן אין איינעם מיטן טראַדיציאָנעל־פֿרומען „אַלטן ישובֿ". אַ נפֿקא־מינה נאָר (טאָקע „איין קליינִיקייט"), ער האָט געגלייבט, אַז אַנשטאָט געבן צדקה אויף „חלוקה", דאַרף מען מיסד זײַן ישובֿים אויף ערד־אַרבעט. ער איז געווען איינער פֿון די גרינדער פֿון פּתח־תּקווה אין 1878. קיצור פֿון דער זאַך, ער איז געווען און איז ביזן הײַנטיקן טאָג פֿאַרבליבן אין חרדישע קרײַזן אַ שטאַרק קאָנטראָווערסיעלע און טומלדיקע פֿיגור. „נאָך איין מאָל" אָן איראָניע: אין דער געשיכטע פֿון ציוניזם רעכנט ער זיך אַ העלד ממש (זע למשל סלוצקי 1972 און די ביבליאָגראַפֿיע וואָס דאָרטן).

דער ענין שפּראַך פֿיגורירט אויך אינעם חתם־סופֿרס צוואה. שלעזינגער האָט די צוואה אַרויס־געגעבן אין איינעם מיטן אייגענעם פּירוש אינעם „חלק ראשון" פֿון זײַן ספֿר לב העיברי (שלעזינגער 1864), ווו דער כּתיב מלא (עיברי מיט אַ יוד) מאַכט אָן אָקראָנים פֿון מחברס נאָמען: עקיבֿה יהוסף בן רבי יחיאל (טאָקע אַזוי, ניט עקיבֿא יוסף, ביידע נעמען האָט ער זיך געשריבן לויט זעלטענע נוסחאות).

אין דער צוואה שרײַבט דער חתם־סופֿר: הזהרו משינוי השם ולשון ומלבוש נכרי ח"ו.

זײַט אָפּגעהיט פֿון בײַטן דעם נאָמען און די שפּראַך און די ניט־ייִדישע מלבושים חס ושלום.

ווי עס טרעפֿט זיך אָפֿט אינעם קלאַסישן זשאַנער וואָס רופֿט זיך פּירוש, גייט בדרך כּלל אַ קורץ שורהלע פֿון דער „צוואת משה" (דעם חתם־סופֿרס צוואה) און דערויף — גאַנצע זײַטלעך פֿונעם „לב העיברי" (עקיבֿה־יוהספֿס פּירוש אויף דער צוואה).

דער רבנישער אוצר אויפֿן געביט פֿון דער קולטור־געשיכטע פֿון ייִדיש. ענדיקט זיך ניט (און הייבט זיך ניט אָן) מיטן חתם־סופֿר. פֿאַראַן אַ באַרג מיט מאַטעריאַל אין דער אשכּנזישער רבנישער ליטעראַטור. אויב עס גייט די רייד וועגן לשונות בײַ ייִדן בכלל זײַנען פֿאַראַן אָן אַ שיעור „אינדזועלעך" וועגן שפּראַך אויך אין דער ניט־אשכּנזישער ליטעראַטור.

יאָרן לאַנג האָט ד"ר שלמה נאָבל געאַרבעט איבער אַזאַ מין פּראָיעקט. אַ קאַפּ זכרונות אויפֿן שפּיץ מעסער. אין נאָוועמבער 1979 האָט מיך ד"ר נאָבל פֿאַרבעטן צו זיך אין ביוראָ — אין דעמאָלטיקן בנין פֿון ייִוואָ אויף דער 86טער גאַס אין ניו־יאָרק. ער האָט מיר באַוויזן דאָס וואָס ער האָט אָנגערופֿן: „מײַן לעבנס־ווערק וואָס איך האָב קיין מאָל נישט אָנגעשריבן". ער האָט מיך צוגעפֿירט צו אַ וואַנט מיט פּאָליצעס ווו עס האָט זיך געפֿונען אַ בכּבֿודיקע ביבליאָטעק פֿון רבנישע ספֿרים. פֿון די ספֿרים האָבן „אַרויסגעשפּראָצט" אומצאָליקע שטיקעלעך פּאַפּיר. נאָבל האָט מיר געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז איטלעך שטיקעלע פּאַפּיר איז צוגעקלעפּט צו אַ בלאַט ווו עס איז דאָ מאַטעריאַל וועגן דעם רבנישן צוגאַנג צו שפּראַכן בײַ ייִדן. בײַ די אשכּנזישע מפֿרשים וועט דאָס אָפֿטמאָל הייסן: וועגן ייִדיש. „איך וויל אַז איר זאָלט וויסן אַז דאָס איז דאָ פֿאַראַן בײַ מיר אין צימער אין ייִוואָ. ס'ווילט זיך, אַז ווען איך וועל אַוועק, זאָל זיך עמעצער אַמאָל נעמען דערצו און צונויפֿזאַמלען די אַלע שטעלן און מאַכן פֿון זיי אַ ווערק". הלוואַי, בקרובֿ בימינו.

(אין שלעזינגער 1864: כ"א ע"א — כ"ג ע"ב)

אויף דעם איין איינציקן וואָרט „לשון" ברענגט ר׳ עקיבה־יהוסף אַ באַרג מיט ראיות און אסמכתאות פֿון דער רבנישער ליטעראַטור וואָס קומען פֿאַרפֿעסטיקן דעם מעמד פֿון ייִדיש לדורות. אַ סברא אַז דאָס איז עד־היום פֿאַרבליבן דער פֿאַרנעמיקסטער און אַרומנעמיקסטער סך־הכּל פֿון דער אַרגומענטאַציע לטובֿת ייִדיש פֿון שטאַנדפּונקט פֿון דער הלכה גופֿא. דער אויספֿיר:

[. . .] מה שרבינו מצוה הכי שיהיו נזהרים משינוי הלשון. דלשון היהודית דילן יש לו דין כלשון הקודש.

(אין שלעזינגער 1864: כ״א ע״א – כ״ג ע״ב)

און וואָס רבינו [דער חתם־סופֿר] זאָגט דאָ אין דער צוואה, מ׳זאָל זײַן אָפּגעהיט פֿון בײַטן די שפּראַך. [איז עס מחמת דעם] וואָס אונדזער ייִדישע שפּראַך [לשון היהודית דילן] האָט אַזאַ דין ווי לשון־קודש.

טשיקאַווע, וואָס דער לשון־קודשדיקער נאָמען יהודית (״ייִדיש״) פֿאַר דער שפּראַך, וואָס קומט פֿאַרשטייט זיך מיט אַ פּאָזיטיווער כּוונה לגבי ייִדיש, פֿיגורירט סײַ בײַ פּראָ־ייִדישע רבנים און סײַ בײַ די ערשטע וועלטלעכע ייִדישיסטן וואָס האָבן זייערע פּראָ־ייִדישע כּתבֿים געשריבן אויף העברעיִש. גענוג צו דערמאָנען די קלאַסישע אַרבעטן פֿון אַלכּסנדר האַרקאַווי (1896) און מתתיהו מיזעס (1907).

דער גאַנצער טעקסט פֿון שלעזינגערס פּירוש דאַרף אומבאַדינגט אויף ס׳נײַ אַרויסגעגעבן ווערן מיט די נייטיקע הערות און דערקלערונגען. אין איצטיקן קאָנטעקסט וועלן מיר זיך אָבער אָפּשטעלן אויף זײַן בוך אויף ייִדיש, אל העדרים השני. דער צווייטער אויפֿרוף אָן ייִדישע קינדער, וואָס איז אַרויס אין לעמבערג אין 1869, האַרט פֿאַר זײַן עולה זײַן. פֿון קיצור וועגן וועלן מיר דאָס בוך אָנרופֿן: דער צווייטער אויפֿרוף. וואַן שטראַאַלען האָט אין זײַן קאַטאַלאָג על־פּי טעות געהאַלטן דעם חתם־סופֿר גופֿא פֿאַרן מחבר (וואַן שטראַאַלען 1894: 212); אויך איך האָב זיך דערבײַ טועה געווען (קאַץ 1993א). דעם מחברס נאָמען ווערט אויפֿן שער־בלאַט ניט אָנגעגעבן דירעקט. ס׳שטייט נאָר: „דאָס ספֿר האָט געמאַכט דער מחבר פֿון ספֿר לב עברי, יד עברי, נער עברי וכו׳".

אויפֿן שער־בלאַט שטייט אויך געשריבן:

דאָס ספֿר איז געשריבן דאַמיט דער יוד זאָל וויסען זיך אונד זײַנע קינדער מציל צו זײַן פֿון די גויִשע פֿיהרונג אונד אַפּיקורסות הענד. אונד זאָל פֿעסט בלײַבען בײַא דיא נסיונות וואָס ייִדישע קינדער אין דיא יעצטיגע צײַט האָבען בעפֿאָר משיח צדקינו במהרה בימינו קימען ווירד אמן:

דאָס בוך, וואָס איז הײַנט אַ יקר־המציאות, איז אויך טיפּאָגראַפֿיש אַ ריכטיקער יוצא־דופֿן. אויף יענער זײַט פֿונעם שער־בלאַט טרעפֿן זיך עטלעכע דערקלערונגען, געחתמעט פֿון: „א. י. שלעזינגער סופֿער ראַבינער אין קאָלאָמעאָ גאַליציען". די ערשטע באַשטעטיקט, אַז „דינא דמלכותא דינא", טײַטש, אַז מ׳דאַרף היטן די געזעצן פֿון לאַנד ווו מ׳וווינט. והשנית, ס׳ווערט אויפֿגעקלערט אַז די „חברה שומרי הד״ת" פֿאַרשפּרייט די אונגאַרישע שפּראַך בלויז אויף יענע אָפֿיציעלע יורידישע צוועקן אויף וועלכע מ׳האָט זיך פֿריער באַנוצט מיט דער דײַטשישער שפּראַך (מ׳זאָל ניט מיינען אַז ס׳איז אויפֿן חשבון פֿון ייִדיש).

און דערנאָכדעם ווערט אויפֿגעקלערט דער טיפּאָגראַפֿישער פֿענאָמען, דהיינו, פֿאַרוואָס דער ערשטער חלק פֿון בוך איז מיט איין שריפֿט און סטיל (אָן נקודות און מער דײַטשמעריש לויטן סטיל פֿון דער אונגאַרישער ספֿערע), און דער צווייטער חלק זעט אויס אין גאַנצן אַנדערש (מיט פֿולן ניקוד לויטן סטיל פֿון די טײַטש־ביכער אין פּוילן אין נײַנצנטן יאָרהונדערט): „דאָס ספֿר איז געמאַכט געוואָרן דיא ערשטע העלפֿט אין אונגאַרן. דיא אַנדערע העלפֿט אין פּוילן. דאַרום איז דאָס לשון דער תּוכן [אינהאַלט] ניט צו גראַדען" (די קאַנטיקע קלאַמערן זײַנען אין אָריגינאַל). אין די אויסצוגן וואָס גייען בײַ אונדז ווײַטער, ווערן ציטאַטן פֿון „אונגאַרישן חלק" פֿון בוך געבראַכט ווי אין אָריגינאַל: פֿון פּוילישן חלק" — מיטן אָריגינעלן אויסלייג אָבער אָן דעם פֿולן

ניקוד (קמץ און פּתח, וואָס ווערן אין אָריגינאַל געשטעלט אונטערן קאָנסאָנאַנט פֿאַרן אַלף, ווערן איבערגעגעבן ווי אָ און אַ).

די שפּראַך פֿונעם גאַנצן ווערק האָט די ווערט, מ׳זאָל איר ווידמען אַ פּרט־פֿאָרשונג. עס קומען צום אויסדרוק די פֿאַרפֿלעכטונגען פֿון די פֿאַרשיידענע נוסחאות פֿון געשריבענעם ייִדיש אין דער איבערגאַנג־עפּאָכע, צווישן דעם אַלטן (מערבֿדיקן) און דעם נײַעם (מזרחדיקן) סטאַנדאַרד, ווו די ראָלעס פֿון די קרובֿהשע שפּראַכן (דײַטש, העברעיִש און סלאַוויש) זײַנען פֿאַרשיידנאַרטיקע (זע ראָסקעס 1974; קערלער אין דרוק). היות ווי עס גייט די רייד וועגן אַ בוך פֿון איין מחבר, ווערט באַשיימפּערלעך קלאָר די „מאַכט״ פֿון אַ רעדאַקטאָרישער האַנט (זאָל עס זײַן דעם אַרויסגעבערס, דעם בעל־מגיהס, צי דעם בחור הזעצערס).

פֿאַר דער היסטאָרישער ייִדישער סטיליסטיק איז העכסט אינטערעסאַנט ר׳ עקיבה־יהוסף שלעזינגערס אייגענער באַנעם פֿון דער פֿראַגע וואָס רופֿט זיך הײַנט (און ערטערווײַז אַפּנים אויך דעמאָלט) — דײַטשמעריש. טיף אינעם ספֿרל אַרײַן, פֿאַרענטפֿערט זיך דער מחבר אַלמאַי ער האָט זיך באַנוצט מיט אַזוי פֿיל „הויך־דײַטשע״ ווערטער. ער דערלאַנגט צוויי התנצלותן: ערשטנס, אַז טאַקע אויך פֿאַר די אָפּגעפֿרעמדטע פֿאַרדײַטשטע ייִדן איז דער „צווייטער אויפֿרוף״ אָנגעשריבן געוואָרן, און מ׳וויל, פֿאַרשטייט זיך, אַז זיי זאָלן קענען פֿאַרשטיין; צווייטנס, אַז דאָס איז טאַקע דאָס היימישע לשון פֿון זײַן געבאָרן־שטאָט (פּרעשבורג).

מיר באַשולדיקן ניט דעם מחבר, חלילה, אַז ער האָט זיך בכּוונה מצמצם געווען בײַם איבערגעבן די פֿאַקטן; פֿאַרקערט, די מדרגה פֿון סטיליסטיש־סאָציאָלינגוויסטישער באַוווּסטזיניקייט און אָפֿנהאַרציקייט איז בײַ אים אַ גוואַלדיקע. נאָר וואָס, קיין מענטש איז ניט בכּוח צו שילדערן אַ גאַנץ בילד וועגן סטיליסטישער וואַריִיִרלעכקייט אַז עס גייט די רייד וועגן אייגענעם באַנוץ. ס׳האָט דאָ אויך געקענט ווירקן, למשל, דאָס וואָס דער פּאָלעמישער זשאַנער גופֿא איז אויסגעוואַקסן אין איינעם מיט דער אימפּאָרטירונג פֿון נײַ־הויך־דײַטשישן עלעמענט. ס׳קען אויך האָבן אַ השפּעה די פּסיכאָלאָגישע נטיה צו דעבאַטירן מיטן בר־פּלוגתּא אויף זײַן לשון. דובֿ־בער קערלער האָט מיר ריכטיק אויפֿגעוויזן, אין זײַנער אַ הערה צו אַ פֿריערדיקן נוסח פֿון דער איצטיקער אַרבעט, אַז „אין יענער אונגאַריש־דײַטשלענדישער שפּראַכיקער געגנט, איז דער ליטעראַרישער סטאַנדאַרד גופֿא געווען — אין פֿאַרגלײַך מיטן גערעדטן ייִדיש דאָרטן (און אַוודאי מיט אונדזערן) — גאָר שטאַרק „דײַטשמערמיש״. בולטע שפּורן דערפֿון קען מען געפֿינען אַפֿילו אין ספֿרים וואָס זײַנען אין מיטן נײַנצנטן יאָרהונדערט איבערגעדרוקט געוואָרן אין וואַרשע, אַ שטייגער „שׂמחת הנפֿש״. צו דער געשיכטע פֿון געשריבענעם ייִדיש אין יענע צײַטן זע קערלער (אין דרוק). וועגן נײַ־דײַטשישן עלעמענט אין ייִדיש, פֿגל. קאַץ (1993ב: 166־185).

צי מ׳נעמט אָן אויף גאַנצע הונדערט פּראָצענט צי ניט דעם מחברס התנצלותן וועגן זײַן דײַטשמערישן סטיל, איז פֿון דעסט וועגן זייער וויכטיק זײַן בפֿירוש־באַוווּסטזיניקער צוגאַנג צו דעם דײַטשמערישן עלעמענט אין זײַן אייגענער געשריבענער שפּראַך: עס „שטימט עפּעס ניט״ מיטן ייִדיש־ייִדישן נוסח לעבן פֿאַר וועלכן דאָס גאַנצע ספֿרל קומט שטורעמען.

השי״ת ווילל דאָך אָבר דאָך ניט דאָס איין מענש זאָלל פֿערלאָרין געהן (כי לא ידח ממנו נדח) אונד ווילל דאָס דער גרעסטר רשע (הצופה לרשע וחפץ בהצדקו) זאָלל זיך אויך בדענקין אונד פרלאָזין זײַנע שלעכטי וועגן. איבער דען האַבן מיר נאָך דאָס ספֿר געשריבן אום אויף צו קלעהרין אונזער אמונה ווי פֿאַר איין גר. מיר האָבען ביז יעצט ווי פֿאַר געבאָרינע גרים געשריבען אונד אויף גיקלערט אונזר ריינע הייליגי תורה. אונד האָבען דיא וואָרצעל פֿון אונזערי דת בעוויזן אונד מיר האַבען איבער דען געשריבן דיא ספֿרים אויף יודיש דײַטש וויא עס יעדר יוד אויך אין דײַטשע

מקומות פֿערשטעהן זאָלל. נור דאָס מאַכין מיר צו ווּיסן דאָס ווען אין דען ספֿר אָדער בעזוינדערס אין ערשטען אל העדרים האָך דײַטשע ווערטר שטעהן האַבען מיר דאַמיט איין טעות געהאַט ה׳ יכפר אונד האָבין אונז פֿאַרלאָזט ווײַל עס יודיש געדרוקט איז מיט יודישע בוכשטאַבען האַבן מיר אונס ניט צוריק געהאַלטען דיא ווערטר זוא צו שרײַבען וויא דער יוד רעד אין דיא געגענד וואָ מיר אויפֿגעצאָגען אונ געבאָהרן זײַן. אָבער אין אמת (וימאן אדום נתון את ישראל לעבור בגבולו ויט ישראל מעליו וגו׳) דער יוד וואָס עס אמת מיינט מיט השי״ת דאַרף ניט הערוים געהן מיט דען מינדעסטן מיט איין וואָרט פֿון דען יִדישען לשון (שומר פיו ולשונו וגו׳) פֿון די יודישע פֿיהרונג אונ ווען דאָס לשון אין דען איך בעשריבען האַב אַנדערס וואָס גוייִש איז . . זאָל מאַן וויססען האָב איך אין דען לשון געשריבן ווײַל איך אין דען געבאָהרן בין אונ אַן זיך איין יִדיש לשון איז אונ זאָלל זיך קיינער קיין ראיה נעהמן ח״ו (הרחק מן הכיעור) קיין יִדיש וואָרט מיט דען מינדיסטען צו ענדערן (לא תעבור בו די לא נתתי לך וגו׳).

**(ס״ו עמוד א׳ — ס״ו עמוד ב׳)**

**אויפֿן הײַנטיקן יִדיש וואָלט דאָס געקענט הייסן (אויסלאָזנדיק די פסוקים וואָס ווערן געבראַכט אין אָריגינאַל):**

**„פֿון דעסט וועגן וויל דאָך אָבער ניט השם־יתברך, אַז אַ מענטש זאָל פֿאַרלאָרן גיין. און ער וויל אַז דער גרעסטער רשע זאָל אויך אַ קלער טאָן און פֿאַרלאָזן זײַנע שלעכטע וועגן. טאַקע דערפֿאַר האָבן מיר דאָס ספֿרל אָנגעשריבן אויף אויפֿצוקלערן אונדזער אמונה אַזוי ווי פֿאַר אַ גר. האָבן מיר ביז איצט אַזוי ווי פֿאַר געבאָרענע גרים געשריבן און אויפֿגעקלערט אונדזער ריינע, הייליקע תּורה, און האָבן די וואָרצלען פֿון אונדזער גלויבן אויפֿגעוויזן און האָבן דעריבער אָנגעשריבן די ספֿרים אויף יִדיש־דײַטש אַזוי אַז יעדער יִד זאָל עס אויך אין די דײַטשישע מקומות פֿאַרשטיין. נאָר דאָס־גיבן מיר צו וויסן, אַז ווען אין אָטאָ דעם ספֿר, אָדער באַזונדערס אינעם ערשטן אל העדרים, זײַנען דאָ הויך־דײַטשישע ווערטער, האָבן מיר דערבײַ אַ טעות געהאַט, זאָל אונדז גאָט מוחל זײַן, און האָבן זיך פֿאַרלאָזט אויף דעם וואָס ס׳איז אויף יִדיש געדרוקט מיט יִדישע אותיות, האָבן מיר זיך ניט צוריקגעהאַלטן, אַזוי צו שרײַבן די ווערטער ווי דער יִד רעדט אין דער געגנט ווו מיר זײַנען דערצויגן געוואָרן און געבאָרן געוואָרן. אָבער אין דער אמתן, דער יִד וואָס האַלט באמת מיט השם־יתברך דאַרף ניט אַרויסגיין מיט דעם קלענסטן, מיט איין וואָרט פֿון דעם יִדישן לשון, פֿון דער יִדישער פֿירונג, און אויב דאָס לשון אויף וועלכן איך האָב געשריבן איז ווו ניט איז גוייִש — זאָל מען וויסן אַז איך האָב אויף אָט דעם לשון געשריבן ווײַל איך בין מיט דעם געבאָרן געוואָרן, און וואָס שײַך זיך איז דאָס אַ יִדיש־לשון. איז — זאָל קיינער זיך ניט נעמען קיין ראיה חס ושלום, קיין יִדיש וואָרט אויפֿן קלענסטן אופֿן צו בײַטן.**

(סוף אין „יִדישע קולטור" 5־6)

**אונדזער באַגריסונג צום רעדאַקטאָר פֿון דעם „אַלגעמיינער זשורנאַל":**

**חשוב׳ער גרשון יעקבסאָן:**

**מײַנע האַרציקסטע ווּנטשן אײַך צו די ערשטע פֿינף און צוואַנציק יאָר. איך באַוווּנדער אײַער רעדאַקציאָנעלע פֿאַכמאַנישקײַט, אײַער נאָענטקייט צום לייענער און, ועל כּולם, אײַער זעלטענע געטרײַשאַפֿט צו יִדישן לשון.**

**לאַנגע־געזונטע יאָר און נאָך עטלעכע 25ער אײַך.**

**מיט פֿרײַנדשאַפֿט:**

**איטשע גאָלדבערג**

רעדאַקטאָר „יִדישע קולטור"

**(געדרוקט אין „אַלגעמיינעם" דעם 11טן אַפּריל)**

# דאָס „ייִדישיסטישע" בוך פֿון חתם־סופֿרס תּלמיד ר' עקיבֿה־יהוסף שלעזינגער

**צום צענטן יאָרצײַט פֿון מײַן באַליבטן לערער**
**ד"ר שלמה נאָבל ז"ל (1986 – 1905)**

## • הירשע־דוד קאַץ/ווײַלס

(המשך פֿון לעצטן נומער)

5

דער זשאַנער פֿון צווייטן אויפֿרוף איז אויך אַ צונויפֿגעפֿלאָכטענער. פֿאַראַן עלעמענטן פֿון אַ קלאַסישן מוסר־ספֿר. באַלד בײַם אָנהייב גייט אַ לענגערער משל וועגן אַ מלך מיט אַ מלכּה וואָס האָבן לאַנגע יאָרן קיין קינד ניט געקענט געבאָרן און ווען זיי האָבן יאָ סוף־כּל־סוף געבוירן אַ ייִנגל, איז ער אַוועק אויף שלעכטע וועגן. די חכמים פֿון לאַנד האָבן דעם מלך איבערגעצײַגט, אַז מ'דאַרף שיקן דאָס קינד אָפּריכטן גלות. דאָרטן ווערט אָבער „נאָך ערגער", ער זאָגט זיך אָפּ אַפֿילו פֿון זײַן אַדעלן גבֿורט און נעמט אַוועקטרינקען די יאָרן מיט די נידעריקסטע שיכטן אין די ביר־הײַזער. וכו' וכו'.

עס גייט דער נמשל און עס גייען ווײַטערדיקע אָפּטיילונגען וועגן פֿאַרשיידענע ענינים, למשל: די סיבות פֿאַרוואָס עס איז חרובֿ געוואָרן דער ערשטער און דער צווייטער בית־המקדש; די ייִדישע נשמה; אמונה אין בריאת העולם; שכר ועונש; השארת הנפֿש; עולם הבא; תּחיית המתים; ביאת משיח, און נאָך.

דאָס איז אָבער לחלוטין ניט קיין קלאַסיש מוסר־ביכל פֿון טראַדיציאָנעלן אשכּנז: ס'געהערט דעם אונטער־זשאַנער פֿון פּאָלעמישע מוסר־ביכלעך, וואָס האָבן אויך הינטער זיך אַ לאַנגע געשיכטע. דובֿ־בער קערלער ווײַזט אויף, אַז שמחת הנפֿש און דרך ישרה לעולם הבא זײַנען „אַדורכגעדרונגען מיט פּאָלעמיק" (זע די ביבליאָגראַפֿיע אין קערלער 1988).

**אונדזער טעקסט איז דורכגעדרונגען מיט פּאָלעמיק קעגן די אַלע באַנײַער וואָס ווילן ענדערן דאָס דור־דורותדיקע לעבן פֿון אשכּנזישע ייִדן. אין פֿאַרשיידענע ערטער איז מעגלעך צו דיפֿערענצירן, צי עס גייט די רייד וועגן די רעפֿאָרמער, צי וועגן די נעאָ־אָרטאָדאָקסן, אָבער אין אַלגעמיין גענומען זײַנען דאָס אַלץ חולאתן פֿון אַן איין־אײנציקער מגיפֿה וואָס האָט זיך פֿאַרשפּרייט אין אַ רעלאַטיוו קורצער צײַט:**

ברידער ייִדישע קינדער. זײַט איין צײַט פֿון צוואַנציג ביס דרײַסיג יאָהר איזט צווישען ייִדען איין גרוסע פֿערענדערונג פֿאָר געקומען וואָס פֿיר דען מענשליכען שכל ניכט צו פֿערשטעהן איזט וויא אין איין קורצע צײַט איין זאַלכע פֿער וואַנדלונג זײַן קאָן. אויף דען פּאַפּיער לאָסט עס זיך ניט בעשרײַבען נור ווער זיך עס זעלבער איבער לעגען ווירד מוס שטוינען, נאָך ניכט לאַנג איזט גאַנץ אונגאַרן פֿולל געוועזען מיט גדולי ישראל אונ' ישיבות קדושות אין מעהרן וואהר [...]

(יד)

**דער מחבר מוסרט וועגן פּועל־יוצא פֿון די איבעראַנדערשונגען:**

[...] ווען אויך מאַן העט ניט פֿאַר זיך גזעהען וואָס מאַן פֿאַר זיך זעהט. ווייא פֿיל מעהר ווען מאַהן שאָהן פֿאַר זיך זעט [...] קוים איין מנין גבליעבען, אונד דיא וואַס איבר גבליעבן זענין זיין אויך מייסטענס נור גוישע יידען.

(ע"ה עמוד א')

**ער נעמט זיך ניט איין מאָל צום מעכטיקסטן כּלי־זײַן פֿון די שונאים, דאָס — ביכל.**

נון זייט איין קורצע צייט זיין צווישען יידען איניגע ספֿרים הערויס געקומען אויך איין אויפֿרוף אונד אויפֿקלערונג מאַן האָט בעוויעזען אין קורצען דאָס דער מלאך המות צו דען אַללען וואהרען דיא דייטשע צדיקים אונד דער חליף וואהר דאצו דאס ביכעל.

(טו)

**דער ענין פֿון די „ביכלעך" איז אויך נוגע די דרויסנדיקע וויסנשאַפֿטן און לימודים. דער מחבר טענהט אַז די וועלטלעכע ביכלעך פֿאַרלירן אַלע ווײַלע זייער האַפּט בשעת ווען די ספֿרים פֿון גרויסע רבנים וואַקסן אויס אין חשיבות אין משך פֿון די דורות.**

צום בייאשפּיל: פֿאַר הונדערט יאהר האט איינר הערויס גיגעבין איין וועלט גישיכטע, איין שפּרוכלעהרע אדער וואָס אימער פֿאַר איין ווערק דאָס איז פֿיר יעצט אונברויכבאַר עס ווירד פֿערוואָרפֿין מאן קאָן ניט איינמאָהל די שפּראַך אין איהר מעהר גיברויכען. עס ווירד צעריסען אויף מאַקלעטור וויא אַללע אַלטע ביכער ניט נור אבר פֿון פֿאַר הונדערט יאָהר באַלד אַללע צעהן יאָהר באַלד אַללע יאָהר. [...] קאָן מען זאָגין צום בייאשפּיל דאָס דער רא"ש [ר' אשר בן יחיאל, בערך 1250—1327] אָדער דער ר"ן [ר' נסים בן ראובן, בערך 1290—1375] וועניגער ווערטה ביקומען האָט ווייל אַנדרע ספֿרים (אחרונים) הערויס גיקומען זיין [...] וויא עלטער זיא ווערן וויא גרעסער זיא ווערן.

**(כ"ו עמוד ב' – כ"ז עמוד א')**

## 6

**אַ סך מאָל אין צווייטן אויפֿרוף באַהאַנדלט דער מחבר דעם ענין: שפּראַך. דאָ איז גלײַך אויף אַן אָרט כּדאַי אַרויסצוהייבן אַ פּרינציפּיעלע באַוואָרעניש. אַבסטראַהירן דעם ענין „שפּראַך" פֿאַר זיך איז גאָרניט אַזוי שווער, נאָר דעריין שטעקט אַ קולטור־היסטאָרישער אַנאַכראָניזם. מ'דאַרף משיג זײַן דעם מחברס „יידישיזם" ניט לויט דער השגה פֿון שפּעטערדיקן וועלטלעכן יידישיזם, נאָר וואָדען, דורך זײַנע אויגן, ווו ס'איז ניט אָפּצוטיילן פֿון פֿירן אַ טראַדיציאָנעל־פֿרום יידיש לעבן וואָס בויט זיך אויף דער תּורה שבכתב און אויף דער תּורה שבעל־פּה. פֿונדעסטוועגן האָט דער באַגריף „שפּראַך" יאָ אַנגענומען בײַ ר' עקיבה־יהוספֿן אַ מעמד, וואָס איז אָן קיין שום ספֿק באַווירקט פֿון דעם, וואָס זײַן פּאָזיציע שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ רעאַקציע קעגן דער אַנטי־יידישער קאַמפּאַניע פֿון די „בערלינער": אָפּטמאָל באַנוצט ער זיך מיט דער פֿראַזע: „שם לשון מלבוש" (נאָמען, שפּראַך, באַקליידונג) שיער ניט ווי אַ קלינג־וואָרט. אויף ווי ווײַט די פּרטי־פּרטים פֿונעם לשון פֿון בוך זײַנען דעם מחברס ווייס מען ניט, נאָר די עצם וואַריאַציע (אין צווייטן חלק, ווו עס גייט מיט פֿולן ניקוד) צווישן „שפּראָך" (די עלטערע יידישע פֿאָרם) און „שפּראַך" צי „שפּראַכע" (וואָס זײַנען אַרײַנגענומען געוואָרן פֿון נײַעם דײַטש, דאָס ערשטע פֿאַריידישט, דאָס צווייטע ווי עס שטייט און גייט), ווײַזט אָן סימבאָליש אויף דער צונויפֿפּאָרונג פֿון אַלטע און נײַע באַגריפֿן.**

**מיר פֿאַרהאָפֿן, אַז די געבראַכטע אויסצוגן שטעלן מיט זיך פֿאָר אַן אינטעלעקטועל ערלעכע פֿאָרשטעלונג פֿון ר' עקיבה־יהוסף שלעזינגערס (און בשעת מעשה אין אַ גרויסער מאָס אויך דעם חתם־סופֿרס) באַנעמונג פֿון יידיש אין דער ראַם פֿונעם יידישן לעבן וואָס זיי ביידן איז געגאַנגען אין לעבן פֿאַרטיידיקן.**

ווען מאַן זיך פֿאַר דען (ארון הקודש) אויך שאהן שעהמט יידש צו רעדען [...]

**(ט')**

וויא פֿיעל מעהר ווי די קינדר ערציהונג אויס זעהט פֿון עירב רב . . קוים דאָס קינד נאָך דען יידישען נאַהמען בײַם ברית בעקומט. נאָך ניט רעכט איז דאָס קינד פֿון שוהל און [־אין] דער היים. ווידר שאָהן אויס יצחק איין נאַטצי אונד אויס יעקב איין קאָבי אונד אויס אַברהם איין אַלבערט. אונד פֿון יוגענד אויף ווירד ער געוואָנט אָהנע קאַפּפּעל בקלות ראש הערום צו געהן (דאַמיט ער חלילה קיין יראת שמים האָבען זאָלל (גמרא שבת) פֿאַנגט ער אָן צו רעדין דאַרף ער ניט יודיש רעדיטן דאַמיט דיא שפּראַך, דיא צונג איהם ניט פֿערדרבן ווירד . . אונד מאַן שעערט איהם גיט די פּאות אָב אונד פּוצט איהם אונד ציטערט איהם דאָמיט ער נאַטוראַל איין שגץ גלײַך זעהן

זאָלל.

**(ס״א עמוד א׳)**

[...] פֿרײַע יודען וואָס זיך דיא יודישקייט ניט שעהעמען וואָס (שם לשון מלבוש) דען יחוס פֿון יודען פֿון אונזערי אבות דיא יודישע שפּראַך דיא יודישע יודישע נעהמען דיא יודישע מלבושים [...] אונד וויא מיר פֿון אבות אבותינו פֿאָר אונס געזעהן האַבען (קיינע דייטשע דרשות קיינע אויס געביכעלטי [־אויסגעביכלטע] יודן ר״ל [...]

**(ס״ג עמוד א׳)**

דאָס דער וואָס דרשות האַלט אין איין גויישע שפּראַכע (דאַס איז יודען ברויכען צווישן זיך איין יידישע שפּראַך צו האַבען וואָס ניט גלייך איז מיט דער שפּראַך וואָס דער גוי רעד ווען עס אויך דאַס זעלבע לשון איז. דיא שפּראַכע מוז אַבער פֿאַרענדערט זיין. וויא עס אויך איז מעולם געוועזן בכל תפֿוצות ישראל) דער איז איין פושעי ישראל. און ווען ער דאַבייא נאָך איין בן תורה איז. אָדער מיט יראת שמים צו דען וועג געהט. דאַס ער איין ירבעם בן נבט איז. און וויא מעהר בן תורה ער איז און וויא פֿרומער ער איז וויא מעהרער יידישע קינדער צו דען וועג פֿערפֿיהרט וויא מעהר מחטיא רבים ער און מחלל השם איז:

**(ס״ו עמוד ב׳)**

נור אָבער ווען די רעגירונג שאַפֿט דו [די] קינדער מוזען דייטש אָדער אין איין אַנדערע שפּראַך לערנען און דיא רעגירונג שאַפֿט נור צוא לערנען זאָלכע זאַכען וואָס איין סוחר ברויך. שרייבען. לעזען. רעכנען אד״ג זאָלל מאַן געוואָרינט זיין דיא זאַכען ניט לערנען צו לאָזען פֿון איינעם יודען: וואָס אויך יודיש לערנט מיט דיא קינדער. דייטשע זאַכען זאָל מען נור לערנען לאָזען איינינע שעות אין איין באַזונער חדר פֿון איין בעזונדערן לעהרער (איין גוי איז אַם בעסטען צו דען צו נעהמען).

**(פ״ד עמוד א׳־ב׳)**

(שלא שנו שמם) דאָס מאַן ח״ו ניט דיא יודישע נאַמען ענדרן זאָלל. ווי מיר און אונזערי קינדר הייסען אויף יודיש זוא זאָלל מאַן ביים גוי אויך הייסען (ליב חיים ניט לעאָפּאָלד היינריך וכו׳) און (לא שנו לשונם) דאָס מיר ח״ו אונזר יודישע שפּראַך ניט פֿער לאָזין זאָללען. און ח״ו ניט צו געהן זאָללען צו איין (דורש) רב אָדער מגיד וואָס ענדרט דיא יודישע שפּראַך. פֿון דען ברויך מאַן מיט זיינע קינדר וויא פֿון איין פֿייער צו ענטלויפֿען.

**(פ״ו עמוד ב׳ — דף פ״ז עמוד א׳)**

די גויישע שפּראַך מיט דער עבירה און [אין] עריות זיין איינס זיין מחותנים איינס ברענגט דאַס אַנדערע וויא עס אין ספֿר בני יששכר שטעהט:

**(צ׳ עמוד א׳)**

און דס זאָלט איהר ניט מיינען דאָס וואָס מיר אין דען ספֿר שרייבען דאָס עס איין חסידות איז עס שטייט אין דיא אַללע ספֿרים וואָס מיר געשריבען האָבען קיין וואָרט וואָס ניט אונס אין שולחן ערוך פֿאָר געשריבען שטעהט. דאָס אוף דעם מיד מדעיש עולם זיין וועגין דיא גוישע פֿיהרונג: וועגין דען ענדערן פֿון דיא יודישע שפּראַך דאָס שטייט אויך אַרוים אין שולחן ערוך י״ד (ס״י קע״ח) דאָס דער יוד מוז זיין פֿאַר ענדרט אַבגעזונדרט פֿון אַנדרע אומות (במלבושיו ובשאר מעשיו וכו׳) מיט זיינע קליידער זיין פֿיהרונג און מיט נאָך אַנדרע זאַכען וואָס דיא אַנדערע זאַכען זיין שטעהט אין סמ״ג [„ספֿר מצוות גדול״ פֿון ר׳ משה בן יעקב מקוצי, 13טן יאָרהונדערט — ה.־ד. ק] און אַנדערע ספֿרים און קבלת אבותינו: אונזר אמונה הענגט אָפּ פֿון איין אות און איין תג אין דיא תורה און קבלת אבותינו איהר הט פֿון דעם אַליין געגנוג בעוזייזען און גלייבט נישט דאָס דיא וועלט הפֿקר איז (יושב בשמים ישחק) השי״ת זעהט אַללעס גוט צוא וויא מאַן יודישע קינדר פֿרקופט מפר ברית צו זיין. דיא גוישע שפּראַך אַנשטאַדט דיא יודישע צוא פֿערטוישען עס בלײַבט גאָר ניכטס גישענקט (לית דין ולית דיין) דיא וועלט האָט איין אויפֿזיכט איבער זיך דיא פֿערקויפֿטע רבנים מעגען לאַנג וויא מנשה בן חזקיהו (מעמיד צלם בהיכל) זיין.

**(צ׳ עמוד ב׳ — צ״א עמוד א׳)**

## 7

דעם חתם־סופֿרס און ר׳ עקיבה־יהוסף שלעזינגערס כּתבֿים וועגן ייִדיש זײַנען פֿאַרשטייט זיך ווײַט ניט די איינציקע, וואָס שטעלן דאָס אָפּהיטן ייִדיש ווי די טעגלעכע שפּראַך אין אַ הלכהש־יורידישן קאָנטעקסט און אויף אַ מדרגה פֿון ברענענדיקער חשיבֿות פֿאַרן סאַמע קיום פֿון פֿאָלק. צוליב סאָציאָלאָגישע סיבות (בתוכם: די עצם פֿאַראַנענקייט פֿון די „צוויי ייִדישיזמס"), האָבן ניט רעליגיעזע און ניט סעקולערע געלערנטע ניט אויסגעפֿאָרשט דעם ענין ווי ס׳באַדאַרף צו זײַן. אַן אָנהייב האָט געמאַכט דער לאָנדאָנער תּלמיד־חכם ר׳ שמואל היילע (זע היילע 1991). ווער עס וועט זיך נעמען דערצו מיט דער נייטיקער צוגרייטונג (סײַ אין דער רבנישער ליטעראַטור און סײַ אין קולטור־געשיכטע), דער וועט אויפֿדעקן אַ וועלט מיט באַלערעוודיקע מקורות.

דערווײַל זעט אויס אַז ר׳ עקיבה־יהוסף שלעזינגערס אל העדרים השני. דער צווייטער אויפֿרוף אָן ייִדישע קינדער, וואָס איז אַרויס מיט קאַרגע הונדערט־דרײַסיק יאָר צוריק, איז די ערשטע אַרומנעמיקע פֿאָרמולירונג פֿון דער פּראָ־ייִדישער שיטה בײַם חרדישן ייִדנטום.

די איראָניעס אין דער פּרשה שעפּן זיך ניט אויס מיט דעם, וואָס דער חתם־סופֿר און נתן בירנבוים זײַנען ביידע דערצויגן געוואָרן אין דײַטש־שפּראַכיקע סבֿיבֿות, און אויך ניט דערמיט וואָס ר׳ עקיבה־יהוסף שלעזינגערן דערמאָנט מען הײַנט נאָר ווי אַ העלד פֿונעם טראַדיציאָנעל אָרטאָדאָקסישן ציוניזם. אַפֿילו בײַ הײַנטיקן טאָג קען מען דערטאַפּן (און עס בעט זיך דאָ פֿעלד־אַרבעט), בולטע אַנאַלאָגיעס בײַ די „צוויי עקסטרעמען" פֿון דער וועלט פֿון ייִדיש, אַ־שטייגער בײַ אַ סאַטמאַרער חסיד און אַ לינקן ייִדישיסט. ביידע באַציִען זיך אָפּטמאָל מיטן זעלביקן אינטעלעקטועלן ביטול (און עמאָציאָנעלן ווידערווילן). לאָמיר אָנכאַפּן, לגבי אַ מאָדערנעם רב (אָדער ראַבאַי), וועלכער רעדט און דרשנט נאָר אויף דער לאַנדשפּראַך. געדענקען דאַרף מען אָבער, אַז די עצם דעפֿיניציע פֿון „עקסטרעמען" האָבן אַרויסגערוקט און קאַנאָניזירט די געלערנטע פֿונעם אַלמעכטיקן „צענטער".

דער צוקונפֿטיקער היסטאָריקער פֿון „פּראָ־ייִדיש באַוועגונגען" אין דער נײַער צײַט (ד.ה. נאָך מענדעלסאָנען) וועט זיך מוזן רעכענען מיט צוויי עיקרדיקע צווײַגן וואָס האָבן אויפֿגעשטעלט פּראָגראַמאַטישע סיסטעמען וועלכע מאָטיווירן די דערהייבונג און די אויפֿהאַלטונג פֿון ייִדיש: בײַ די סאַמע טראַדיציאָנעלסטע חרדים און בײַ די סאַמע ראַדיקאַלסטע סעקולאַריסטן. שוין פֿון אָנהייב נײַנצנטן יאָרהונדערט איז די פּרעשבורגער רעאַקציע קעגן דער שפּראַך־אַסימילאַציע פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ממשותדיקן שטייגער לעבן (ריכטיקער געזאָגט געוואָרן, אין דער פּראָגראַמאַטישער אויפֿהאַלטונג פֿון אַ שטייגער לעבן וואָס איז פֿריער „פּשוט געווען"). דעם סעקולאַריסטיש־ייִדישיסטישן לעבנס־שטייגער האָט מען געדאַרפֿט ערשט אויפֿבויען אויפֿן סמך פֿון צואייגענען אַ ייִדישן תּוכן און ייִדישע פֿאָרמען צו מאָדערנע אייראָפּעיִשע אינסטיטוציעס (נעצן שולן, פּאַרטייען, קולטור־באַוועגונגען, טעגלעכע צײַטונגען, ליטעראַרישע זשורנאַלן און נאָך); דאָס איז אַלץ ערשט רײַף געוואָרן אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, הגם אָנזאָגן אויפֿן געדאַנקען־גאַנג קען מען זען בײַ ליפּשיצן (1863) און האַרקאַווין (1886). וועגן אויפֿקום פֿון וועלטלעכן ייִדישיזם איז אַ סך געשריבן געוואָרן (זע למשל: גאָלדשמיד 1976; פֿישמאַן 1981; קאַץ 1994).

עס איז אין דער מאָדע צו באַנעמען דעם אויפֿקום פֿון וועלטלעכן ייִדישיזם דער עיקר (אָדער אין גאַנצן) אין קאָנטעקסט פֿון די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען, און פֿון דעם שפּראַכיקן און קולטורעלן נאַציאָנאַליזם בײַ קלענערע און אונטערגעדריקטע פֿעלקער. אַזאַ צוגאַנג איז לכל הדעות לעגיטים, כּל־זמן ער ווערט ניט פֿאַרוואַנדלט אין אַן איינאיינציקן תּירוץ אויף

דער קשיא.

פֿונקט ווי ביי אַנדערע פֿראַגן אין דער מאָדערנער ייִדישער קולטור, האָט מען זיך אַרומגעקוקט אויף אייראָפּעיִשע פּאַראַלעלן, און מינימיזירט דעם אינערלעך־ייִדישן שורש דאָרטן ווו די פֿעדים פֿון דער המשכדיקייט זיינען שטאַרק פֿאַרטונקלט און פֿאַרפּלאָנטערט. ס'איז אָבער די עובדה פֿונעם קולטור־היסטאָריקער זיי אַרויסצוהייבן און אויסצופּלאָנטערן. עס קען קיין ספֿק ניט זיין, אַז די ריכטונג פֿון דער פֿאָרשונג איז שטאַרק באַאיינפֿלוסט געוואָרן פֿון דער ריכטונג פֿון די פֿאָרשער גופֿא (וועלכע שטאַמען אַלע פֿון דער ניט־חרדישער סבֿיבֿה).

אין דער געדאַנקען־געשיכטע איז מען מחויבֿ אויסצוזוכן היסטאָרישע התקשרותן אויך דאָרטן ווו די איבעראַנדערשונגען זיינען יסודותדיקע. מ'דאַרף אָבער קלאָר זיין, אַז דאָ גייט ניט די רייד וועגן אַ „טויזנט־איין־נאַכט טעאָריע". די היסטאָרישע שכנהשאַפֿטן זיינען ווילבאַקאַנטע.

עס רעדט זיך וועגן איין און דער זעלביקער שפּראַך ביי איין און דעם זעלביקן פֿאָלק אין מזרח־אייראָפּע. דער „פֿרומער ייִדישיזם" שטאַמט פֿון דער ספֿערע פֿון אונגאַרן, גאַליציע און פּוילן; דער „סעקולערער" — פֿון גאַליציע, פּוילן, ליטע און אוקראַינע. אינעם פּוילישן יאָדערלאַנד, למשל, זיינען די צינורות אויף געדאַנקען־איבערפּלאַנצונג געווען אָן אַ שיעור. מ'דאַרף זיך שטאַרק היטן ניט צו דרינגען אַנאַכראָניסטישערהייט, פֿון דער היינטיקער אָפּגעזונדערטקייט צווישן חרדישע און סעקולערע גרופּעס, אַז אַזוי איז אַמאָל געווען אין אַ פּויליש ייִדיש שטעטל. כך לא הווא.

עס רעדט זיך וועגן אַ תקופֿה פֿון פּאָליטיזירונג און צעשפּליטערונג אויף פֿאַרשיידנאַרטיקע באַוועגונגען. און אין דער געשאַפֿענער קאָנסטעלאַציע, האָבן די ביידע סעקטאָרן (כאָטש שטאַרק אַנדערשדיקע איינער פֿון אַנדערן), געהאַט די זעלביקע אידעאָלאָגישע קעגנער (שיער ניט געזאָגט: „שונאים"), צווישן זיי: דער אַסימילאַטאָרישער משׂכּיליזם; די רעליגיעזע „רעפֿאָרם"־באַוועגונגען; די נעאָ־אָרטאָדאָקסיע; דער ציוניזם; דער העברעיִזם.

אמת, אַן אויסגעאַרבעטע סיסטעם ווו ייִדיש פֿאַרנעמט אַ צענטראַל אָרט, ווי ביי ר׳ עקיבֿה־יהוסף שלעזינגערן, איז ניט געווען אין די סאַמע פֿרומע קרייזן אין אַ סך מזרח־אייראָפּעיִשע מקומות ווו עס זיינען געווען ביז חורבן קאָמפּאַקטע טראַדיציאָנעל־פֿרומע ישובֿים. מ'דאַרף אָבער האַלטן פֿאַרן אויג אַז ס'איז ניט געווען „סיסטעמאַטיזירט" ווייל — „ס'איז ניט געווען צו וואָס". אינעם תחום־המושבֿ איז ביים פֿרומען עולם קיין שפּראַכיקע און קולטורעלע אַסימילאַציע ניט געווען אויף אַ וועלכן ניט איז „סכּנותדיקן פֿאַרנעם" (ווי אין אונגאַרן אונטער דער השפּעה פֿון דער בערלינער השׂכּלה און דער נעאָ־אָרטאָדאָקסיע). דאָס הייסט אָבער נאָך ניט אַז אַ בפֿירושדיקע ליבע צו ייִדיש אין ראַם פֿון טראַדיציאָנעלער ייִדישקייט איז ניט געווען. זי איז שוין איינמאָל געווען. די צוגעבונדנקייט צו ייִדיש איז געווען אַזוי „נאַטירלעך", אַז ס'וואָלט גאָרניט געהאַט קיין זין דערוועגן צו גיין „דרשענען".

ואחרון אחרון, עס רעדט זיך לחלוטין ניט וועגן גלאַט אַ קאָנווערגענץ אין די הויכע היכלות פֿון געדאַנקען, געאָגראַפֿיע, און פּאָליטיק. אין לעצטן סך־הכּל רעדט זיך וועגן: די זעלביקע מענטשן. מ'דאַרף נאָר אויפֿעפֿענען זלמן רייזענס לעקסיקאָן (1926־1929), צי אַפֿילו דעם „נייעם" (1956־1986), און אויפֿמישן אַ וועלכע ניט איז ביאָגראַפֿיע. באַלד אויף אַן אָרט דערזעט מען, אַז כּמעט הונדערט פּראָצענט פֿון די שרייבער און בויער פֿון דער וועלטלעכער ייִדישער קולטור און ליטעראַטור (און במילא פֿונעם ייִדישיזם) האָבן זיך אַליין אויסגעהאָדעוועט אין דער אַלט־פֿרומער וועלט. די וואָרצלען פֿון סעקולערן ייִדישיזם וואַקסן אַרויס ניט בלויז פֿון די מאָדערנע אייראָפּעיִשע באַוועגונגען און דער השׂכּלה, נאָר אויך פֿון די בפֿירושדיקע יסודות וואָס זיינען געווען (און געבליבן!) אין דער ציוויליזאַציע פֿון טראַדיציאָנעלן אַשכּנז.

## ביבליאָגראַפֿיע

גאָלדשמיד, מענדל — 1976.

Emanuel S. Goldsmith. *Architects of Yiddishism at the Beginning of the Twentieth Century. A Study in Jewish Cultural History*. Fairleigh Dickinson University Press: Ruthorford.

האַרקאַווי, אלכסנדר — 1886.

דיא ייִדיש דײַטשע שפּראַך, שפּראַך־וויסענשאַפֿטליכע ביבליאָטעק, ייִדישע גאַזעטן: ניו־יאָרק. 1896.

היש משפט לשון לשפת יהודית? תּשובה ברורה לשוטני שׂפת יהודית המדוברת, בדפוס א. ה. ראָזענבערג: ניו־יאָרק [־נר המערבי (ניו־יאָרק) 1895־1896, 2. 1: 17־22; 1־3: 25; 31; 8־9. 1: 1־2, 17־24 (פֿאַלשע פּאַגינאַציע פֿון נאָכאַנאַנדיקן טעקסט).

הײַלע, שמואל — 1991.

„הלכהשע אסמכתות פֿאַר אויפֿהיטן ייִדיש בײַ פֿרומע ייִדן״ אין אָקספֿאָרדער ייִדיש 2: 171־174.

כתבֿ־יד

Shmuel Hiley, *The Yiddish Language* [unpublished ms].

וואַן שטראַאַלען, ס. — 1894.

S. van Straalon, *Catalogue of Hebrew Books in the British Museum, acquired during the years 1868-1892*, British Museum: London.

ווײַנרײַך, מאַקס — 1973.

געשיכטע פֿון דער ייִדישער שפּראַך. באַגריפֿן, פֿאַקטן, מעטאָדן, IV בענד, ייִוואָ: ניו־יאָרק.

כ״ץ, יעקבֿ — 1967.

„קוים לביוגרפיה של החתם סופר״ אין מחקרים בקבלה ובתולדות הדתות מוגשים לגרשם שלום במלאת לו שבעים שנה על־ידי תלמידיו וחבֿריו וידידיו, מאגנס: ירושלים, קטו־קמח.

ליפֿשיץ, י. מ. — 1863.

„די פֿיר קלאַסן״ אין קול מבשׂר 21 (18/6 יוני): 323־328; 23 (20 יוני / 1 יולי): 364־366; 24 (27 יוני / 8 יולי): 375־380; 25 (16/4 יולי): 392־393.

מיזעס, מתּתיהו — 1907.

מתּתיהו מיזש, „בזכות השׂפה היהודית״ אין העולם 1.22: 269־270; 1.23: 281־283.

נאָבל, שלמה — 1943.

חומש־טײַטש. אַן אויספֿאָרשונג וועגן דער טראַדיציע פֿון טײַטשן חומש אין די חדרים. פֿילאָלאָגישע סעקציע, ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט (ייִוואָ): ניו־יאָרק.

סופֿר, משה — 1859.

ספֿר חתם סופֿר. חלק שני. אבן העזר. כּולל דיני גיטין, יבום וחליצה, סוטה, אישות עגונות, קדושין, כּתובות. [. . .] תּשובֿות שאלות לכל דבר הקשה אשר הביאו אל משה ספרא רבא, גאון ישׂראל וקדושו, רכבו ופרשו, בוצינא קדישא, חסידא ופרישא, ריש מתיבתא וריש גלותא, מאיר עיני ישׂראל ורשכבה״ג מוהר״ר משה סופֿר זצוק״ל, געדרוקט אין דער פֿאָרמאַלס שמיד׳שען בוכדרוקערייא: פּרעסבורג.

1862.

ספֿר חתם סופֿר, חלק חושן משפט. [. . .] תּשובֿות שאלות לכל דבֿר הקשה אשר הבֿיאו אל משה ספֿרא רבא, גאון ישראל וקדושו, רכבו ופרשו, בוצינא קדישא, חסידא ופרישא, ריש מתיבתא וריש גלותא, מאור עיני ישׂראל ורשכבה״ג מוהר״ר משה סופֿר זצוק״ל, וויען.

סלוצקי, יהודה — 1972.

Y[ehuda] S[lutsky], "Schlesinger, Akiva Joseph": *Encyclopedia Judaica*, Keter Publishing House: Jerusalem, 14: 971.

פֿישמאַן, שיקל

Joshua A. Fishman, "The Sociology of Yiddish: A Foreward": J. A. Fishman (ed.), *Never Say Die! A Thousand Years of Yiddish in Jewish Life and Letters*, Mouton: The Hague, 1-97.

קאַץ, הירשע־דוד — 1993א.

„די ירושה פֿונעם חתם־סופֿר און די ייִדישע

שפּראַך" אין פֿאָרווערטס, 9טן אַפּריל.
1993ב.
תּקני תּקנות. פֿראַגן פֿון ייִדישער סטיליסטיק, פֿאַרלאַג „אָקספֿאָרדער ייִדיש": אָקספֿאָרד.
1994.
Dovid Katz, "Notions of Yiddish": G. Abramson & T. Parfitt (eds.), *Jewish Education and Learning*, Harwood Academic Publishers: Chur, 75-91.
קערלער, דוב־בער — 1988.
Dov-Ber Kerler, "East meets West: the Dialectal Climate of two Early Eastern European Yiddish Prints": D. Katz (ed.), *Dialects of the Yiddish Language. Winter Studies in Yiddish Volume 2*, Pergamon: Oxford, 69-84.
אין דרוק
*The Eighteenth Century Origins of lodern Literary Yiddish*, Oxford University ress: Oxford.
ראָסקעס דוד־הירש — 1974.
„ייִדישע שרײַבשפּראַכן אין 10טן י.ה." א ייִדישע שפּראַך 33: 1־11.
שלעזינגער, עקיבה יהוסף בר' יחיאל — 1864
ספֿר לב העיברי, חלק ראשון. והוא פירוש ז צוואת רבינו הגדול רבן של ישׂראל וראש כל ב הגולה מו"ה משה סופֿר זצ"ל בעל המחבר שו' חתם סופֿר על ארבעה חלקי ש"ע, גדרוקט בײַ קאַרל יעגער: אונגוואר. 1869.
ספֿר אל העדרים השני. דער צווייט אויפֿרוף אן ייִדישע קינדער, דאָס ספֿר הז געמאַכט דער מחבר פֿון ספֿר לב עבֿרי, יד עבֿו נער עבֿרי וכו'. נדפֿס בלבוב תרכ"ט, uadurem Hascheni. Aus der Landesdruckerei des M. J. Poremba.

**האָט איר**
**שוין געשיקט אײַער מתנה פֿאַר דער „ייִדישע קולטור"?**